און אע"פ אז אזוי איז דער לשון אין דער דוג' וואס רש"י ברענגט דערנאך - "פרץ ה' את מעשיך" - אבער דא איז "נפרצו מעשיהם" לכאו' דער זעלבער ענין ווי "חסרו הצדיק הזה", איז פארוואס דארף ער בכלל זאגן נפרצו מעשיהם"?

ד) פארוואס דארף רש"י ברענגען א דוג' לדבר פון א צווייטן ארט?

וואס דערפון גופא איז פארשטאנדיק אז דער פירוש פון רש"י "מפני שנתחברו כאן להתקרב לעשו הרשע נפרצו מעשיהם וחסרו הצדיק הזה" איז ניט אזוי פארשטאנדיק - דערפאר דארף מען האבן א דוג' פון א צווייטן ארט וואו ס'איז געטראפן בדוג' ווי ס'איז געטראפן דא.

לפי"ז דארף מען אבער פארשטיין פארוואס דארף מען האבן א דוגמ' פון יהושפט אויף דער ענין, בשעת מ'האט שוין פריער געלערנט אין רש"י (ר"פ קרח) אז דתן ואבירם האבן זיך משתתף געווען אין דער מחלוקת פון קרח קעגן משה, דערפאר וואס זיי זיינען געווען פון שבט ראובן, וואס זיי זיינען געווען שכנים צו קהת ובניו, און "אוי לרשע אוי לשכנו",

איז דאך דערפון פארשטאנדיק בפשטות פארוואס "מפני שנתחברו להתקרב לעשו הרשע" איז געווען "נפרצו מעשיהם וחסרו הצדיק הזה", ווארום "אוי לרשע או לשכנו"?

מיט נאך כמה דיוקים.

און מ'קען ניט זאגן אז רש"י פארלאזט זיך אויף מפרשי רש"י, וויבאלד אז רש"י לערנט פשט"מ פאר א בן חמש למקרא וואס לערנט נאך ניט קיין מפרשי רש"י.

וכפי שיתבאר לקמן.

**מג.** אין די הערות אויפן זהר בפרשתנו, שטעלט ער זיך (לקוטי לוי"צ לזח"ג ס"ע שפט ואילך) אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר (ח"ג קעט, ב) אז ר' פנחס בן יאיר האט געבעטן בא ר' שמעון "בפרשתא דא אימא מלה חדתא", און ער איז מבאר:

"מה שביקש רפב"י שיאמר המלה חדתא בפרשת פרה אדומה דוקא, הוא כי רפב"י בחינתו הוא ע"ד אברהם אבינו, כמ"ש בהקדמת הזהר די"א ע"ב.. והנה באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר, שבשביל שאמר אפר זכו בניו לאפר פרה כדאיתא בסוטה די"ז ... לכן ביקש שיאמר בפ' פרה דוקא", [און דערנאך איז ער מבאר פארוואס ר' אלעזר איז דער וואס האט בפועל געזאגט די "מלה חדתא", ווארום ס'איז "ע"ד כמו שהפרה הראשונה נעשית באלעזר הכהן כמ"ש ונתתם אותה אל אלעזר הכהן"].

כמדובר כמ"פ אז דער טאטע האט געשריבן זיינע הערות בקיצור נמרץ, און ער האט זיך פארלאזט אז די ענינים וואס ער האט ניט מבאר געווען וועט מען אליין כאפן דער ביאור בזה ע"פ קבלה אדער ע"פ הסידות.

דארף מען פארשטיין:

א) מצד דעם וואס בחינת רפב"י איז ע"ד ווי אברהם אבינו וואלט געווען גענוג אויב ער וואלט געבעטן אז מ'זאל זאגן סתם אן ענין וועגן פרה אדומה - פארוואס האט ער געבעטן דוקא א "מלא **חדתא**"?

ב) א דבר תמוה לגמרי:

אין דער הערה איז ער מבאר די שייכות פון רפב"י, צו דער פרה אדומה ע"פ זה וואס רפב"י איז ע"ד ווי אברהם אבינו וכו'. ולכאו' איז בחי' אברהם אבינו און די בחי' פון פרה אדומה צוויי בחינות הפכיות:

פר איז בחי' גבורה, ובפרט פרה, ווי עס שטייט אין זהר (פרשתנו קפ, ב) "פרה דקבילת מן שמאלא ומאן הוא לשמאלא שור כד"א ופני שור מהשמאל", וכמבואר אין לקו"ת בפרשתנו (נו, ג).

עד"ז איז דער ענין פון אדומה - בחי' גבורה (זהר שם) ובפרט א פרה אדומה וואס האט ניט געטארט האבן אפילו ב' שערות וואס זיינען ניט קיין אדומות, מיט נאך כמה פרטים בענין זה.

וואס דאס באווייזט אז ענינה פון א פרה אדומה איז **אינגאנצן** גבורות.

משא"כ בחי' אברהם אבינו איז - בחי' חסד, ווי עס שטייט "אברהם אוהבי", און אברהם איז אויך געווען א מכניס אורח, א חסדן.

איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק ווי ער קען פארגלייכן אין דער הערה די בחי' פון פרה אדומה מיט דער בחי' פון אברהם אבינו.

און אע"פ אז עס שטייט אין גמ' אז זיי האבן א שייכות צווישן זיך, ווי ער ברייגנט אין דער הערה - שטעלט דאס נאר איבער די שאלה פון דער הערה אויף די גמ'.

וכפי שיתבאר לקמן.

**מד.** בנוגע צו פרקי אבות - האט נטיקן פרק (פ"ה) א שייכות מיוחדת בגלוי מיט דער ענין פון מאה שנה להולדת בעל המאסר והגאולה פון י"ב י"ג תמוז, וואס אין סיום וחותם פון דעם פרק שטייט: "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם".

דארף מען פארשטיין:

א) וואס זיינען די דריי לשונות פון "מת" און "ועבר" און "ובטל" - וואס לכאו' האבן זיי אלע דער זעלבער תוכן?

ובפרט אז משנה איז דאך "בלשון קצרה", ווי דער רמב"ם שרייבט - דארף דער משנה לכאו' שרייבן דעם ענין וואס מער בקיצור, און זיכער ניט מכפיל זיין דער זעלבער ענין.

ב) דער סדר פון די דריי ענינים: פריער קומט "מת", און דערנאך "ועבר", און דערנאך "ובטל"?

ג) וואס איז דער "מילתא דחסידותא" אין דעם ענין פון "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם"?

**מה.** דער ביאור אויף דער דריטע שאלה איז מבואר אין ספרי מוסר און אין חסידות:

במשך ימי חייו פון א מענטשן געפינט זיך זיין נשמה אין א גוף "אין עולם מלשון העלם והסתר" "לעלם חסר כתיב".

בשעת איינער קומט צו די דרגא פון "בן מאה" איז ער "כאילו מת ועבר ובטל מן העולם": דער עולם מלשון העלם והסתר איז ביי אים ניטא, ובלשון הידוע: ער זעט דעם כח הפועל בנפעל.

ובמילא איז דער עבודה פון א "בן מאה" גאר אין א העכערער אופן ווי זיין עבודה איז געווען איידער ער איז געווארן "בן מאה" - ווארום אין אופן פון

פונקט ווי מ'האט פריער געפרעגט (סנ"ו) אז ווי קען פעלן אין אידן אויב דאס איז געווען א חטא פון אהרן - עד"ז איז די שאלה לאידך גיסא: ווי האט געקאנט פעלן אין אהרן, אז ער זאל נסתלק ווערן פאר זיין צייט, צוליב דעם חטא פון די אידן, וואס "נתחברו כאן להתקרב לעשו הרשע"?!

וכפי שיתבאר לקמן, און אויך די הוראה וואס איז דא אין דעריויף.

**ס.** דער ביאור אין דער הערה אויפן זהר:

דא רעדט זיך ניט וועגן דער פרה אדומה ווי זי איז א מציאות בפ"ע, וואס דעמאלט איז זי טאקע בחי' גבורות, נאר דא רעדט זיך ווי ס'איז דא דער ענין פון "מינר' ובי' אבא לישדי בי' נרגא" אין דער פרה אדומה, ובלשון החסידות - דער ענין פון המתקת הגבורות, אדער ביטוש הגבורות מיט די אלע לשונות בזה, ד.ה. אז די גבורות אליין ווערן נמתקים.

- וע"ד ווי ס'איז געווען בא די מי מרה, וואס "לא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם" (בשלח טו, כג), ביז אז "ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו המים" (שם, כה), וואס דער עץ איז געווען אן עץ מר, און דאס גופא האט ממתיק געווען די מי מרים - דער ענין פון "מינר' ובי' אבא לישדי בי' נרגא", המתקת הגבורות מצד עצמם.

וואס איז דער פרה אדומה, איז דאס דער ענין וואס מ'מאכט פון "פרה", בחי' גבורות, "דקבילת מן שמאלא" - אז עס זאל זיין "אפר", ד.ה. אז מ'נעמט צו דער "ה'" בסוף תיבת "פרה", וואס דאס איז דער מקור פון אלע ענינים בלתי רצויים, און מ'לייגט צו אן "אל"ף" בהתחלת התיבה - און עס ווערט "אפר", וואס דאס איז ע"ד ווי דער "אל"ף" פון "אחד", וואס דער "אל"ף" איז דער אל"ף פון "אלופו של עולם", וואס מאכט איבער דער "ח'", ז' רקיעים והארץ, מיט דער "ד'", ד' רוחות העולם, ווי עס שטייט אין סמ"ק, געבראכט אין ב"י.

וואס דאס איז דער ענין פון המתקת הגבורות - אז פון די גבורות פון פרה אדומה גופא, ווערט "מינר' ובי' אבא לישדי בי' נרגא" - דער ענין החסד.

און ווי דער ענין פון "מינר' ובי' אבא לישדי בי' נרגא" איז דא אין שריפת הפרה גופא - וואס מ'איז שורף דער פרה אדומה, בחי' גבורות, און דערפון ווערט אפר, און דערנאך איז "ונתן עליו מים חיים אל כלי", וואס "מים חיים" איז דער ענין פון חסד מלכתחילה (ניט חסד וואס ווערט ע"י המתקת הגבורות), און דאס איז מטהר פון טומאת מת.

און דורך דעריויף וואס מ'איז מהפך "פרה" צו "אפר", דער ענין פון המתקת הגבורות - ווערט אויפגעטאן נאך א טיפערער ענין פון חסד (תכלית השלימות פון חסד) ווי דער ענין החסד איז מצ"ע, ווארום דא האט מען אויפגעטאן אז די גבורות אליין זאלן ווערן נמתקים, דער ענין פון "לאכללא שמאלא בימינא", און נאך העכער, מיט די אלע ביאורים אין דעם ענין פון המתקת הגבורות.

**סא.** דער כח אז מ'זאל קענען איבערמאכן פון "פרה" עס זאל זיין "אפר", המתקת הגבורות, תכלית השלימות פון חסד - קומט פון אברהם אבינו וואס ביי אים איז געווען דער "ואנכי עפר ואפר".

וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק די שייכות פון דער פרה אדומה צו בחי' אברהם אבינו (און בחי' רפב"ל) - ווארום בכח פון אברהם אבינו וואס ענינו חסד, ווערט אויפגעטאן המתקת הגבורות פון דעם פרה אדומה, וואס דאס איז תכלית השלימות פון חסד, נאך העכער פאר חסד מצ"ע.



הנחה פרטית בלתי מוגה

און אויך דער ענין פון המתקת הגבורות, תכלית השלימות פון הסד - געפינט מען דוגמתו בא רפב"ל:

רפב"ל האט במיוחד געטאן אין פדיון שבויים, וואס פדיון שבויים איז אויך כולל דער פדיון פון די ניצוצות קדושה וואס געפינען זיך בשבי' אין עוה"ז הגשמי והחומרי,

ד.ה. אז וואו נאר א ניצוץ האט זיך געפונען אין ק"נ אדער נידעריקער דערפון - האט זיך רפב"ל משתדל געווען צו דאס ארויסנעמען פון דארטן.

וואס דאס איז דער ענין פון המתקת הגבורות, אז די גבורות אליין איז מען מהפך צו חסדים, "מינ' ובי' אבא לישדי' בי' נרגא".

עד"ז געפינט מען ביי אברהם אבינו:

אברהם האט מגייר געווען "את האנשים", וואס דאס איז ע"ד דער ענין פון פדיון שבויים - ווארום כידוע אז א גר קודם שנתגייר האט אין זיך אויך א ניצוץ פון א נשמה דקדושה, וואס דערפאר ווערט ער אנגערופן "גר שנתגייר" (ניט "גוי שנתגייר"), אבער בשעת ער איז נאך א גוי איז דער ניצוץ קדושה בשבי' אין דעם גוי, און דורך דערויף וואס מ'איז אים מגייר נעמט מען ארויס דער ניצוץ קדושה פון שבי', און מ'איז אים מחזיר למקומו.

וואס דאס איז ע"ד ווי גערעדט פריער, אז די גבורות אליין אין מען מהפך צו חסדים המתקת הגבורות, ביז אין תכלית השלימות.

**סב.** דער ביאור אין פרקי אבות:

דער אלטער רבי איז מבאר אין שעהיוה"א (פ"ז (פב, א)) אז "גדר ובחי' שם עולם נופל על בחי' מקום ובחי' זמן דוקא" (דוקא בידע פון זיי זיינען פארבונדן מיט ספירת המלכות).

עד"ז אין פרק חמישי פון פרקי אבות, איז דער התחלת הפרק רעדט ווי די מאה ענינים זיינען אין **מקום** בכל רגע ורגע, "בעשרה מאמרות נברא העולם" וכו'.

און דערנאך קומט מען צום סיום בפרק, וואס דארטן רעדט זיך ווי דער זעלבער ענין פון מאה (אין מקום, בהתחלת הפרק) שטעלט זיך אויס אין **זמן**, וואס "בכל יומא ויומא עביד עבידתי'", ביז מ'קומט צו דער שלימות פון **מאה** שנה, "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם".

**סג.** דער שלימות אין עבודה פון "בן מאה כאילו מת ועבר ובטל מן העולם", איז (ווי גערעדט פריער (סמ"ד)) - אז ביי אים איז ניטא דער ענין פון עולם מלשון העלם והסתר, און דער ענין פון "לעלם חסר כתיב", וואו עס פעלט א וא"ו, א המשכה, אין עולם.

אין דערויף גופא זיינען דא (בכללות דריי) דרגות מן הקל אל הכבד: "מת", "עבר" און "בטל":

דער ענין פון א מת איז - אז ס'איז דא דער גאנצער מציאות הגוף, אלע אברים, ביז אויך שערות און צפרנים - דאס האט אבער אין זיך ניט קיין **חיות**.

ובעבודת האדם:

ער טוט טאקע אין מסחר אויף מאכן פרנסה, ער האט אבער ניט קיין חיות און רצון ותאוה אין דעם מסחר: די געלט וואס ער מאכט איז אים נוגע און אין איר זעט

און רש"י פארענטפערט דאס מיט א דריטן פסוק), און רש"י זאגט ניט אז "הכתובים הללו צריכים זה לזה" - איז פארוואס זאגט ער דאס דוקא דא?

ועד"ז דער לשון "זה נועל וזה פותח" זאגט רש"י ערגעץ ניט וואו עס איז דא א סתירה צווישן צוויי פסוקים - איז פארוואס זאגט ער דאס דא?

און אויך דער עצם ענין פון "זה נועל וזה פותח" איז ניט פארשטאנדיק: "זה נועל" מיינט אז ס'איז דא א זאך און דער פסוק דא "פארשליסט" דאס און "וזה פותח" מיינט אז דערנאך קומט א צווייטער פסוק און "עפענט" דאס אויף - וואס איז דאס פאר א זאך וואס דער פסוק אין פרשתנו "פארשליסט" דאס און דער פסוק אין פ' דברים "עפנט" דאס אויף?!

מד. דערנאך פארענטפערט רש"י די סתירה צווישן די פסוקים: "שמשה הוא ישראל וישראל הם משה", און רש"י איז ממשיך: "לומר לך שנשיא הדור הוא ככל הדור כי הנשיא הוא הכל".

וואס לכאורה איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק:

וואס איז ער מוסיף מיט "הנשיא הוא הכל" אויף "נשיא הדור הוא ככל הדור" - ס'איז דאך לכאורה איבערגע'חזר'ט די זעלבע זאך?

די קשיא איז נאך שטארקער: די צוויי לשונות - "נשיא הדור הוא ככל הדור" און "הנשיא הוא הכל" - זיינען בסתירה זל"ז: "נשיא הדור הוא ככל הדור" ("ככל", מיט א כ"ף הדמיון) מיינט אז דער נשיא איז (בלויז) ווי דער גאנצער דור (ער איז שקול כנגד כל הדור, חשוב ווי דער גאנצער דור וכיו"ב); משא"כ "הנשיא הוא הכל" מיינט לכאורה אז דער נשיא (איז ניט נאר ווי דער גאנצער דור, נאר אז דער נשיא) איז דער גאנצער דור. סא ווי זאגט רש"י בהמשך אחד צוויי לשונות וואס זיינען בסתירה זל"ז?

מיט נאך כמה דיוקים, וואס זיי דארפן אלע זיין פארשטאנדיק בפשטות פאר א בן חמש למקרא, און קיינע מפרשים, וכפי שיתבאר לקמן.

מה. אין די הערות אויפן זהר פון פרשתנו שטעלט ער זיך[141] אויף דעם וואס עס שטייט אין זהר[142] אז ר' פנחס בן יאיר האט געבעטן בא ר' שמעון (רשב"י) "בפרשתא דא (אין די פרשה פון פרה אדומה, "זאת חוקת התורה") אימא מלה חדתא", און ר' שמעון האט געזאגט אז ר' אלעזר בנו זאל זאגן די "מלה חדתא", און ער איז מבאר אין דער הערה: - "מה -

---

141) לקוטי לוי"צ לזח"ג ס"ע שפט ואילך. 142) ח"ג קעט, סע"ב ואילך.



הנחת הת' בלתי מוגה

"מה שביקש רפב"י שיאמר המלה חדתא בפרשת פרה אדומה דוקא הוא, כי רפב"י בחינתו הוא ע"ד אברהם אבינו, כמ"ש בהקרמת הזהר די"א ע"ב . . והנה באברהם כתיב[143] ואנכי עפר ואפר שבשביל שאמר אפר זכו בניו לאפר פרה כדאיתא בסוטה די"ז[144]. . לכן ביקש שיאמר בפ' פרה דוקא . . ור"ש אמר לר' אלעזר שהוא ידרוש, הוא ע"ר כמו שהפרה הראשונה נעשיה באלעזר הכהן כמ"ש[145] ונתתם אותה אל אלעזר הכהן".

מ'דארף נאך אבער פארשטיין:

א) פאר האט רפב"י געבעטן אז מ'זאל זאגן דוקא א "מלה חדתא" אין דעם ענין פון פרה אדומה?

ב) אברהם האט דאך געזאגט "ואנכי עפר ואפר", ניט נאר "אפר" נאר אויך "עפר", און פונקט ווי די גמרא זאגט אז אלס שכר אויף דעם וואס אברהם האט געזאגט "ואנכי אפר" האבן אידן זוכה געווען צו מצות פרה אדומה, זאגט די זעלבע גמרא אז אלס שכר אויף דעם וואס אברהם האט געזאגט "ואנכי עפר" האבן אידן זוכה געווען צו א מצוה פארבונדן מיט "עפר" - איז פארוואס האט רפב"י געבעטן א "מלה חדתא" דוקא אין פרשת פרה אדומה, און ער האט ניט געבעטן אז מ'זאל זאגן אן ענין אין די מצוות וואס זיינען פארבונדן מיט "עפר"?!

וועט מען עס פארשטיין ע"פ המבואר אין קבלה, אין חסידות און אין נגלה - וואס דאס איז דער טעם פארוואס דער טאטע האט דאס ניט מבאר געווען, פארלאזנדיק זיך אז מ'וועט עס אליין פארשטיין ע"פ המבואר אין קבלה, אין חסידות און אין נגלה - וכפי שיתבאר לקמן.

מה. אין דעם פרק פון היינטיקן שבת, פרק ד', לויט דעם "יש נוהגין" צו לערנען פרקי אבות "כל שבתות הקיץ" - וועט מען זיך אפשטעלן אויף א משנה תמוה ביותר.

אין משנה יט (לויט ווי דער אלטער רבי האט מחלק געווען די משניות) שטייט: "שמואל הקטן אומר בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך, פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו".

שטעלן זיך אויף דעם מפרשים[146] און פרעגן: מאי קמ"ל שמואל הקטן - ער זאגט דאך איבער מערניט וואס עס שטייט אין א פסוק אין משלי[147] וואס שלמה המלך האט געזאגט?!

פארענטפערט דער רע"ב (און עד"ז אנדערע מפרשים[148]), אז

- אע"פ -

------------

143) וירא יח, כז. 144) ע"א. וש"נ. 145) פרשתנו יט, ג. 146) רבינו יונה, וראה רע"ב. ועוד. 147) משלי כד, יז-יח. 148) פיה"מ להרמב"ם, רש"י, רבינו יונה, מח"ו.

והשגה.

ואע"פ אז אין תניא[228] שטייט אז דורך לימוד התורה בהבנה והשגה ווערט צווישן דעם לומד התורה מיט דער תורה א "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו ולא כערכו נמצא כלל כו'" –

איז דער פירוש אין דעם, אז דער "יחוד נפלא כו'" ווערט דורך רעותא דלבא, וואס רעו"ד איז למעלה משכל[229] — ד.ה. אז פריער לערנט ער בשכל, און דערנאך ווערט זיין שכל א כלי און א התחלה צו רעו"ד, צו למעלה משכל – ווערט דורך דעם דער "יחוד נפלא כו'".

סו. ועד"ז איז אויך בנוגע לעניננו:

נשיא דורנו "הוא הכל", און דערפאר איז ניט שייך אז מ'זאל אים משיג זיין בהבנה והשגה, ס'איז מערניט וואס א חלק ממנו קען מען פארשטיין, אבער וויבאלד אז ער איז "הכל" פארשטייט מען נאר דער חיצוניות המנו, וואס דערפאר דארף מען אים נעמען מיט קב"ע, מיט רעו"ד;

וואס די הוראה דערפון איז מובן בפשטות – אז דאס וואס דער נשיא דורנו האט אנגעזאגט טאן – דארף מען טאן אפילו אויב מ'פארשטייט דאס ניט ע"פ שכל והבנה והשגה, און דוקא דורך דעם נעמט מען דעם "הנשיא הוא הכל".

סז. דער ביאור אין דעם זהר און אין דער הערה אויפן זהר:

ענינו פון ר' פנחס בן יאיר איז געווען במיוחד פארבונדן מיט פדיון שבויים[230].

וואס דערפאר האט ער א שייכות מיוחדת צו אברהם אבינו, ווארום ענינו של אברהם איז "אברהם אוהבי"[231], גמילות חסדים און פדיון שבויים איז א פרט אין גמ"ח, ואדרבה – אין גמ"ח גופא האט פדיון שבויים א מעלה הכי נעלה, ווי די גמרא[232] זאגט אז פדיון שבויים איז א "מצוה רבה".

נאכמער: דעם ערשטן מאל אין תורה וואו מ'געפינט ביי אברהם אבינו בהדגשה מיוחדת אז ער האט געטאן אין גמילות חסדים – איז דאס אין דעם ענין פון פדיון שבויים[233], און דאס איז גאר דעם ערשטן מאל וואו עס ווערט דערציילט אין תורה וועגן דעם ענין פון פדיון שבויים:

דער ענין פון הכנסת אורחים וואס איז געווען ביי

- אברהם -

------------

228) פ"ה (ס, ב). 229) ראה סה"מ הש"ב ע' 135 ואילך. ובכ"מ. 230) ראה חולין ז, א. 231) ישעי' מא, ח. 232) ב"ב ח, סע"א ואילך. רמב"ם הל' מתנות עניים פ"ח ה"י. טושו"ע יו"ד רסרנ"ב. 233) לך יד, יד ואילך.

אברהם אבינו - דערציילט זיך אין תורה[234] נאר בדרך אגב, בקשר און אלס הקדמה צו דעם וואס די מלאכים זיינען צו אים געקומען מבשר זיין וועגן לידת יצחק[235], און אויך דער ענין פון הכנסת אורחים פון אברהם וואס מ'לערנט אפ[236] פון "ויטע אש"ל"[237] - שטייט מערניט ברמז[238] אין דעם ווארט "אשל", און ס'איז א מחלוקת צי ס'מיינט "פונדק לאכסניא" אדער "פרדס להביא ממנו פירות"[239];

משא"כ בנוגע צו דעם ענין פון פדיון שבויים - דערציילט די תורה בפירוש א גאנצן סיפור אז אברהם האט געטאן אין דעם, און - ביז אז ער האט זיך מוסר נפש געווען אויף דעם וכו'.

און בשעת אברהם איז געגאנגען טאן אין פדיון שבויים האט ער מיט זיך מיטגענומען אליעזר עבדו, ביז ווי רז"ל זאגן אז דאס וואס עס שטייט[240] אז אברהם האט מיט זיך מיטגענומען "שמונה עשר ושלש מאות" מיינט דאס נאר אליעזר עבדו.

סח. דער ענין פון פרה אדומה איז אויך ע"ד ווי דער ענין פון פדיון שבויים:

דער ענין פון פרה אדומה איז - אז אפילו טומאה חמורה ביותר, טומאת מת - איז פרה אדומה מטהר. וואס עד כדי כך איז דער חידוש בזה, אז ווען משה האט געזען טומאת מת איז "נתכרכמו פניו" און ער האט געזאגט ווי אזוי וועט דאס טהור ווערן.

דאס הייסט, אז א זאך וואס געפינט זיך בשבי', אין א מצב פון מיתה, א מת עצמו, אדער א נוגע במת, א זאך וואס אין אים פעלט חיות וואס דאס איז דער ענין פון שבי', ביז אז דאס איז א חסרון ושבי' אין דעם עצם הדבר, אז אנשטאט זיין א דבר חי, איז דאס א דבר בלתי חי, אנשטאט זיין פרי' איז דאס בשבי' - איז פרה אדומה דאס פודה און מטהר.

וואס דאס איז דער כללות הענין פון פדיון שבויים ברוחניות - אז א ניצוץ קדושה וואס געפינט זיך בשבי' אין עולם המיתה - איז מען דאס פודה און מחזיר לשרשו ומקורו.

סט. וואס עפ"ז איז פארשטאנדיק דער קשר פון די אלע דריי, ר' פנחס בן יאיר, אברהם אבינו און פרה אדומה, און דער טעם

- פארוואס -

------------

234) וירא יח, א.ואילך. ובפרש"י שם. 235) שם, י. 236) סוטה י, סע"א. ב"ר ספנ"ד. פרש"י עה"פ וירא כא, לג. 237) וירא שם. 238) וראה לקו"ש חט"ו ע' 501. 239) נדרים לב, א (הובא בפרש"י עה"פ לך לך יד, יד). 240) לך לך שם.

פארוואס רפב"י האט געבעטן אז מ'זאל זאגן אן ענין אין פרה אדומה דוקא -

ווארום ענינם פון די אלע דריי - איז פדיון שבויים: ר' פנחס בן יאיר איז ענינו געווען פדיון שבויים, וואס בחינתו איז ע"ד אברהם אבינו, וואס ענינו פון אברהם אבינו איז געווען פדיון שבויים, און צוליב דעם וואס אברהם האט געזאגט "ואנכי עפר ואפר" - "זכו בניו לאפר פרה", וואס אויך פרה אדומה איז ענינה - פדיון שבויים.

וואס דערפאר האט רפב"י געבעטן אן ענין אין פרה אדומה דוקא, פארבונדן מיט "אפר" וואס אברהם האט געזאגט, און ניט אן ענין פארבונדן מיט "עפר" וואס אברהם האט געזאגט - ווארום דוקא "אפר" איז פארבונדן מיט אן ענין פון פדיון שבויים - פרה אדומה.

ע. מ'דארף נאך אבער פארשטיין - פארוואס רפב"י האט געבעטן אז מ'זאל זאגן דוקא א "מלה חדתא" אין דעם ענין פון פרה אדומה.

איז דער ביאור בזה - אז אויך דער תוכן פון "מלה חדתא", איז - ע"ד ווי דער ענין פון פדיון שבויים, ובהקדים:

דער ענין פון פדיון שבויים, פודה זיין אן ענין, א ניצוץ קדושה פון שבי' (כנ"ל) - איז תוכנה, אז מ'טוט אויף א דבר חדש: פריער איז דער ניצוץ קדושה געווען אין א מצב פון שבי' און דערנאך האט מען אויפגעטאן א חידוש און דאס פודה געווען.

ועד"ז איז אויך אין לימוד התורה:

בשעת מ'חזר'ט איבער אן ענין אין תורה, אפילו אויב מ'חזר'ט דאס איבער כמה פעמים, ביז אפילו "מאה פעמים ואחת"[241] - איז דאס ניט קיין דבר חדש; ווען איז דאס א דבר חדש ווען מ'טוט אויף א נייעם ענין אין תורה - ווען מ'זאגט א "מלה חדתא",

וואס דאס איז ע"ד ווי דער ענין פון פדיון שבויים.

וכמבואר אין תניא[242], אז איידער א הלכה ווערט נתברר ע"י האדם הלומד, איז דאס בבחי' גלות וואס דארטן זיינען די קליפות שולטים און זיינען מעלים ומסתיר אויף דער הלכה דא למטה, ועאכו"כ בשעת דער העלם והסתר איז אויך למעלה (כמבואר שם), וואס דאס איז דער ענין פון שבי'; און דורך עיון ובירור ההלכה - איז מען פודה די הלכה וואס איז געווען

- פריער -

------------

241) ראה הל' ת"ח לאדה"ז פ"ב ס"ג. חגיגה ט, ב. וראה תניא פט"ו. (כא, א). 242) אגה"ק סכ"ו (קמד, ב ואילך).

פריער בשבי׳, בהעלם ובהסתר.

עא. וואס ע"פ כל זה זיינען פארשטאנדיק די אלע פרטים אין דעם זהר און דאס וואס ער איז מבאר אויך דעם אין דער הערה פונעם טאטן:

אלע ענינים וואס שטייען דא זיינען פארבונדן מיט דעם ענין פון פדיון שבויים:

ר׳ פנחס בן יאיר (וואס ער האט געבעטן אז מ׳זאל זאגן א "מלה חדתא" אין דעם ענין פון פרה אדומה) איז ענינו - פדיון שבויים; אברהם איז ענינו פדיון שבויים; און פרה אדומה איז ענינה פדיון שבויים; און "מלה חדתא" איז ענינו פדיון שבויים,

און דערפאר האט ר׳ פנחס בן יאיר געבעטן אז מ׳זאל זאגן א "מלה חדתא" אין דעם ענין פון פרה אדומה,

און ער האט געבעטן די "מלה חדתא" דוקא אין דעם ענין פון פרה אדומה - ווארום אין פדיון שבויים גופא, וואס ענינו פון פדיון שבויין איז - חידוש - איז דער גרעסטער פדיון שבויים, דער גרעסטער חידוש ווערט אויפגעטאן ע"י דער פרה אדומה, ווארום זי איז מטהר פון די טומאה הכי חמורה, טומאת מת, וואס דאס איז עד כדי כך א חידוש אז "נתכרכמו פניו של משה" (כנ"ל).

און ס׳איז אויך פארשטאנדיק פארוואס דוקא ר׳ אלעזר (בנו של רשב"י) האט געזאגט דעם "מלה חדתא" אין פרה אדומה -

ווארום ער איז ע"ד ווי אליעזר עבד אברהם, וואס ער האט געטאן אין דעם פדיון שבויים צוזאמען מיט אברהם אבינו (כנ"ל), און ע"ד ווי אלעזר הכהן (בנו של אהרן), וואס דוקא ער האט געמאכט די ערשטע פרה אדומה, דוקא ע"י סגן כהן[243] ע"ד ווי אליעזר איז דוקא עבד אברהם, וואס אויך א כהן איז ענינו פדיון שבויים - ווארום א כהן איז ענינו חסד[244], המשכה עד למטה מטה, וואס דאס איז דער ענין פון פדיון שבויים, אז מ׳איז פודה א זאך וואס געפינט זיך למטה מטה,

און להעיר - אז אויך אברהם איז געווען א כהן (פריער איז שם געווען דער כהן, און דערנאך איז אברהם געווארן דער כהן)[245], און בשעת אברהם איז געגאנגען טאן אין פדיון שבויים האט ער צו זיך מצרף געווען אליעזר עבדו, ע"ד ווי די פרה אדומה ווערט געטאן ע"י אלעזר הכהן, דוקא סגן כהן.

- און -

------------

243) פרשתנו יט, ג ובפרש"י 244) זח"ג קמה, ב (וראה שם קעו, א. רמב, א. ח"א רמד, א. תניא רפ"ג. 245) נדרים לב, ב. יל"ש לך לך רמז עד.

און דעריבער איז ר' אלעזר דוקא געווען דער וואס האט געזאגט די "מלה חדתא" אין דעם ענין פון פרה אדומה - ווארום ר' אלעזר איז ע"ד ווי אליעזר עבד אברהם און אלעזר הכהן.

והגם אז דער נאמען פון בנו של אהרן, און אויך פון ר' אלעזר איז "אלעזר", און עבדו של אברהם הייסט "אליעזר" (מיט א יו"ד) - איז אבער דער נאמען "אליעזר" על שם "אלקי אבי בעזרי"[246], וואס דאס איז דער תוכן פוןביידע נעמען - "אלעזר" און "אליעזר" - מלשון "אל עזר".

עב. דער ביאור אין דער משנה אין אבות - אין וואס עס באשטייט דער חידוש פון שמואל הקטן מיט איבערזאגן א פסוק אין משלי "בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו".

עס איז דא א גירסא אין כת"י[247], אז נאכן פסוק פון משלי אין דער משנה - "חרון אפו לא נאמר אלא אפו כו'". וואס עפ"ז ווילן מפרשים (דער תויו"ט) זאגן אז אין דעם באשטייט דער חידוש פון שמואל הקטן אין די משנה, אז ניט נאר וואס "והשיב מעליו חרון אפו", די "חריפות" און "חום" פון דעם אף, נאר "והשיב מעליו כל אפו", דעם גאנצן "אף";

דער אלטער רבי ברענגט דאס אבער ניט אין זיין סידור[248], און אזוי אויך ברענגט זיך דאס ניט אין רוב משניות.

ונוסף לזה: ס'איז ניט גלאטיק צו זאגן אז אין אט-דעם לימוד פון שמואל הקטן באשטייט דער גאנצער חידוש זיינער אין דעם פסוק, וואס צוליב דעם זאל די משנה ברענגען דעם גאנצן פסוק ("בנפול אויבך גו'") בשמו, כאילו ווי ער וואלט דאס מחדש געווען!

עג. ויש לומר הביאור בזה:

דער פסוק "בנפול אויבך וגו'" שטייט ניט אין משלי אלס א פסוק און ענין בפ"ע, נאר דאס קומט אין מיטן ובהמשך צו א געוויסן מצב און מאורע וועגן וועלכן עס רעדט זיך דארטן אין די פסוקים.

ויש לומר אז דער חידוש פון שמואל הקטן (אין דער משנה) איז, אז ער ברענגט די פסוקים "בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו" אלס אן ענין בפ"ע, ניט בהמשך הענין וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין די פריערדיקע פסוקים אין משלי.

- והביאור -

------------

246) יתרו יח, ד. 247) ראה "שנויי נוסחאות" למשניות שם.
248) וראה לקו"ש חי"ז ע' 303 הערה 6 ובהנסמן שם.

לז. אין די הערות פון טאטן אויפן זהר דפרשתנו שטעלט ער זיך[181] אויף דעם וואס שטייט אין זהר[182]: "רבי שמעון ור' אבא ור' אלעזר ור' יצחק הוו שכיחי בבי דר' פנחס בן יאיר, אמר ר' פנחס לר' שמעון..בפרשתא דא אימא מלה חדתא, א"ל ומאי היא, א"ל זאת חוקת התורה, א"ל הא שאר חברייא יאמרו, אמר לר' אלעזר ברי', אלעזר קום בקיומך ואימא מלה חד בפרשתא דא".

און ער איז מבאר אין דער הערה: "מה שביקש רפב"י שיאמר המלה חדתא בפרשת פרה אדומה דוקא, הוא כי רפב"י בחינתו הוא ע"ד אברהם אבינו [וואס אברהם איז געווען בחי' חסד וגמילות חסדים[183], הכנסת אורחים, ועד"ז געפינט מען אז רפב"י האט זיך עוסק געווען בפדיון שבויים[184], אין גמ"ח גופא - "מצוה רבה"[185]]..והנה באברהם כתיב[186] ואנכי עפר ואפר, שבשביל שאמר אפר זכו בניו לאפר הפרה כדאיתא בסוטה די"ז..לכן ביקש שיאמר בפ' פרה דוקא, וביקש שר"ש דוקא יאמר, כי ר"ש הוא בחי' דעת..ודעת הוא סדר טהרות, שזהו מה שפרה אדומה מטהר טומאת מת..לכן ביקש שר"ש דוקא יאמר. ור"ש אמר לר' אלעזר שהוא ידרוש, הוא ע"ד כמו שהפרה הראשונה נעשית באלעזר הכהן, כמ"ש[187] ונתתם אותה אל אלעזר הכהן".

דארף מען פארשטיין:

א) דעם ענין אין עבודת האדם.

ב) וויבאלד אז בחינת רפב"י איז ע"ד אברהם אבינו, וואס דערפאר איז ער פארבונדן במיוחד מיט פרה אדומה (כמבואר אין דער הערה) - פארוואס האט ער אליין ניט געזאגט א "מלה חדתא" בפרשת פרה אדומה, און האט געבעטן אז רשב"י זאל עס זאגן?

בשלמא אויב רשב"י וואלט געווען א כהן, וואלט מען עס געקענט מסביר זיין, ווייל א כהן איז מקריב א פרה אדומה; אבער רשב"י איז ניט געווען קיין כהן, כדמוכח מדברי חז"ל[188] אז ארויסגייענדיק פון מערה האט ער זיך פארנומען מיט מתקן ומברר זיין א דרך מסויים אז ער איז ניט טמא (פאר די כהנים), וואס אויף דעם האט ער בפשטות געדארפט גיין צו יענעם מקום און אליין נאכקוקן און נאכפרעגן זיך בא עדים כו', ועד"ז איז מובן (אז

---

181) לקוטי לוי"צ פרשתנו ס"ע שפט ואילך. 182) פרשתנו קעט, סע"ב ואילך. 183) ראה ארחות צדיקים שער יז. תו"א ר"פ תולדות. ובכ"מ. 184) חולין ז, א. 185) ב"ב ח, סע"א ואילך. רמב"ם הל' מתנות עניים פ"ח ה"י. טושו"ע יו"ד ר"ס רנב. 186) וירא יח, כז. 187) פרשתנו יט, ג. 188) שבת לג, ב.



SichosKodesh.com

רשב"י איז ניט געווען א כהן) מעוד מקומות.

איז ניט פארשטאנדיק פארוואס רפב"י האט אליין ניט געזאגט די "מלה חדתא" נאר געבעטן אז רשב"י זאל עס זאגן.

וכפי שיתבאר לקמן.

לח. היינטיקן שבת לערנט מען פרק רביעי (ע"ד ווי חודש הרביעי, כמדובר לעיל בארוכה דער ענין פון רביעי).

וי"ל אז אויך אין א משנה בפרק זה[189] איז מרומז דער ענין המדובר וועגן רביעי:

"רבי שמעון [דסתם ר"ש הוא רשב"י[190]] אומר שלשה כתרים הן כתר תורה וכתר כהונה וכתר מלכות וכתר שם טוב עולה על גביהן". זיינען ידוע שאלות המפרשים[191]: א) ער הויבט אן מיט "שלשה כתרים הן", און רעכנט אויס פיר כתרים (תורה, כהונה, מלכות ושם טוב)?! ב) מנינא למה לי - וואס דארף ער בכלל מקדים זיין אז "שלשה כתרים הן", מ'קען דאך אליין ציילן[192]?

מהביאורים בזה[193]: "כתר שם טוב" איז אנדערש פון די אנדערע שלשה כתרים דערמיט וואס זיי זיינען כתרים מצד עצמם, משא"כ "כתר שם טוב" איז נאר א כתר בשעת ער איז "עולה על גביהן", מיוסד אויף די אנדערע שלשה כתרים. ווייל דער ענין פון "שם" מצ"ע קען אמאל זיין ניט א דבר טוב, ווי די משנה זאגט פריער[194] "נגד שמא אבד שמה", דעריבער דארף דער "שם" זיין מיוסד - "עולה על גביהן" - אויף די שלשה כתרים פון תורה כהונה ומלכות, און דעמולט איז ער "כתר שם טוב".

דעריבער ווערט ער ניט גערעכנט צוזאמען און אלס חלק פון די שלשה כתרים, ווייל "שלשה כתרים הן" (און ניט ארבעה), עס זיינען דא נאר "שלשה" וואס זיינען כתרים מצ"ע, משא"כ "כתר שם טוב" איז ניט קיין כתר מצ"ע, נאר ער איז מיוסד על גבי די שלשה כתרים.

עפ"ז זעט מען אויך אין דעם ענין דער חילוק צווישן ג' וד' ווי גערעדט פריער: דער ענין הג' ווייזט אויף שרש הענינים למעלה, און דער ענין הד' איז ווי זיי קומען אראפ למטה בעולם. ד.ה.

---

189) משנה יג. 190) רש"י ד"ה משמו - שבועות ב, ב. פיה"מ להרמב"ם בהקדמה ד"ה הפרק השלישי. ובנדו"ד מפורש הוא ביל"ש קהלת רמז תתקעג. 191) ראה מדרש שמואל כאן. ביאורים לפרקי אבות ע' 117. ועוד. 192) ראה מד"ש שם. 193) ראה מפרשי המשנה כאן. ביאורים לפרקי אבות שם. ועוד. 194) פ"א מי"ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

עפר", און אפילו אויב ער האט א טעם אין עפר, איז אך-און-וויי צו אזא טעם... - אזוי אויך דארף א תלמיד חכם זיין "נוקם ונוטר כנחש", אז בשעת מ'רירט אים אן זאל ער ניט האבן א טעם (אויסער טעם עפר) אין נוקם ונוטר, נאר ער טוט עס (ניט צוליב זיין אייגענעם כבוד, נאר) צוליב כבוד התורה און אויך כבוד התורה דארף מען זיך איינשטעלן].

ובמילא, קען גאר זיין אז כאטש אברהם און משה האבן מתפלל געווען אויף די וואס האבן זיי אנגערירט, איז דאס נאר געווען בכדי די קפידא זאל ניט שאטן, אבער ס'איז געבליבן א קפידא, זיי האבן ניט מוחל געווען, אדער אפילו אויב יע - ניט אינגאנצן מוחל געווען.

משא"כ "מכאן", בא דער פרשה וואו עס שטייט "עשה לך שרף", "משלך", אז ניט נאר "ויתפלל משה בעד העם" נאר ער האט נאך געצומען פון זיין אייגענעם רכוש צו מאכן דעם "שרף" בכדי צו מציל זיין אידן - איז דאס א הוכחה אז ניט בלויז האט ער מתפלל געווען אז זיין קפידא זאל ניט שאטן, נאר עס איז דא קיין קפידא כלל ניט געבליבן ווייל ער האט מוחל געווען במחילה גמורה.

דעריבער איז דוקא "מכאן" (וואו ס'איז געווען "עשה לך") לערנט מען אפ "למי שמבקשים ממנו מחילה שלא יהא אכזרי מלמחול", אז מ'זאל אינגאנצן מוחל זיין און ניט בלויז מתפלל זיין אז א קפידא זאל ניט שאטן.

ועפ"ז איז אויך מובן דער דיוק "שלא יהא אכזרי", דלכאורה איז דער ווארט איבעריק:

וויבאלד אז ער איז שוין מתפלל אז די קפידא זאל ניט שאטן, קומט אויס אז ס'איז ניטא קיין נפק"מ בנוגע לפועל צי ער איז מוחל בלב שלם אדער ניט, ווייל שאטן וועט עס יענעם ניט - איז דאס גלאט אן אכזריות ניט צו מוחל זיין דעם וואס בעט מחילה. פארוואס זאל מען יענעם ניט לאזן האבן מנוחת הנפש דערפאר וואס א צווייטער טראגט ניט אין זיין הארץ א קפידא אויף אים.

ועפ"פ ביאור הנ"ל ווינען מובן נאך כמה ענינים און דיוקי הלשונות בפרש"י, ואין כאן המקום להאריך בזה.

ג. דער ביאור אין דער הערה אויפן זהר:

דער טאטע איז מבאר "מה שביקש רפב"י שיאמר המלה חדתא בפרשת פרה אדומה דוקא, הוא כי רפב"י בחינתו הוא ע"ד אברהם אבינו...והנה באברהם כתיב ואנכי עפר ואפר, שבשביל שאמר אפר זכו בניו לאפר הפרה כדאיתא בסוטה די"ז..לכן ביקש שיאמר בפ' פרה דוקא".

הנחה הת' בלתי מוגה

SichosKodesh.com

דער ביאור השייכות בתוכן הענינים צווישן רפב"י מיט אברהם אבינו מיט פרה אדומה:

אברהם אבינו איז געווען בחי' חסד וגמילות חסדים, ווי מ'זעט ביי אים בהדגשה יתירה דער ענין פון הכנסת אורחים. ועד"ז געפינט מען אז רפב"י האט זיך עוסק געווען בפדיון שבויים, וואס אין גמ"ח גופא - איז דאס "מצוה רבה" (כנ"ל סל"ז).

דער תכלית השלימות פון השפעת החסד איז, בשעת מ'איז יורד פון די אייגענע מדריגה בכדי להשפיע חסד צו א זולת.

וואס דאס איז געווען בגלוי ובשלימות בא פרה אדומה:

פרה אדומה האט אין זיך די אייגנשפאט וואס זי איז "מטמאה הטהורים ומטהרת את הטמאים"[262]. ד.ה. אז בכדי להשפיע חסד צו דעם טמא און אים מטהר זיין מטומאת מת, דארף דער כהן העוסק בפרה - יורד זיין ממדריגתו[263] דורך דעם וואס ער ווערט טמא עד הערב, און קען דעמולט ניט עסן תרומות אויף וועלכע מ'מאכט א ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וצוונו" כו'.

זעט מען דערפון די שייכות פון פרה אדומה מיט רפב"י, בחי' אברהם - ווייל פרה אדומה איז תכלית ההשפעה פון חסד, אז דער משפיע איז יורד ממדריגתו בכדי להשפיע חסד.

וואס דאס זעט מען אויך בא השפעת החסד פון אברהם אבינו:

דער חידוש גדול פון הכנסת אורחים איז, אז "גדולה הכנסת אורחים מהקבלת פני השכינה"[263*], און מ'לערנט עס אפ פון הכנסת אורחים פון אברהם אבינו, אז בשעת ס'איז געווען "וירא אליו ה'"[264] און אברהם האט דערזען אורחים האט ער געזאגט צום אויבערשטן "אל נא תעבור מעל עבדיך"[265] און איז אוועק בכדי מקבל צו זיין די אורחים.

וואס דאס אליין איז שוין א ירידה לכאורה, ער גייט אוועק פון קבלת פני השכינה בכדי משפיע צו זיין חסד. עאכו"כ ערביים שמשתחוים לאבק רגליהם[266], אויך זיי האט ער מכניס געווען (לאחרי ווי ער האט זיי געזאגט[267] "רחצו רגליכם"), ד.ה. אין עבודה זרה גופא - דער תכלית הירידה בזה (אבק שברגלים)[268] - וואס דאס איז

---

262) ראה במדב"ר פי"ט, ה. תנחומא פרשתנו ז. 263) ראה לקו"ש ח"ד ע' 1057 ואילך. *263) שבת קכז, א. שבועות לה, ב. רמב"ם הל' אבל פי"ד ה"ב. 264) ר"פ וירא (יח, א). 265) שם, ג. 266) ב"מ פו, ב. פרש"י וירא שם, ד. 267) וירא שם. 268) ראה גם לקו"ש ח"א ע' 28. ח"ו ס"ע 18.

הנחח הח' בלתי מוגה

היפך לגמרי פון קבלת פני השכינה, און פון ענינו דאברהם בכלל וואס ענינו איז געווען "ויקרא שם בשם ה' א-ל עולם"[269]!

בדוגמא ווי השפעת החסד פון פרה אדומה - אז ער גיט אוועק פון זיך אליין און איז יורד ממדריגתו בכדי משפיע זיין חסד לזולתו.

ועד"ז איז די התעסקות פון רפב"י אין פדיון שבויים ("מצוה רבה" אין גמ"ח גופא) - פארבנודן מיט א ירידה ממדריגתו. כפשטות הענין - בכדי צו פודה זיין שבויים דארף מען אמאל זיך מוסר נפש זיין און יורד זיין ממקומו בכדי יענעם פודה זיין. בדוגמת הענין דפרה אדומה.

און דעריבער האט רפב"י געבעטן אז מ'זאל זאגן אן ענין אין תורה בפ' פרה אדומה דוקא, אין דעם ענין פון יורד זיין בכדי משפיע זיין חסד, און אין דעם גופא א "מלה חדתא" - ווייל דאס איז געווען ענינו אין וועלכן ער האט געלעבט, האט ער געוואלט הערן אין דעם אן ענין חדש.

נא. וואס דאס איז דער אמת'ער ענין פון מסירת נפש - און דערפון האט מען א לימוד לכאו"א (מ'דארף עס ניט מפרסם זיין, ווייל אנדערע קענען זיך נאך אנכאפן אין דעם):

ניט כדעת אלו אז די אמת'ע און שלימות'דיקע השפעת החסד און מסירת נפש איז - בשעת מ'גיט א צווייטן צדקה פון די אייגענע געלט; נאר אדרבה - די אמת'ע ושלימות'דיקע השפעת החסד ומסירת נפש איז - מס"נ רוחנית, אז מ'גיט אוועק א צווייטן פון דער אייגענער מדריגה רוחנית. ד.ה. ניט קוקנדיק אויף דעם וואס בכדי להשפיע חסד לזולתו דארף מען יורד זיין פון דער אייגענער מדריגה - טוט מען דאס.

און ווי דער דין איז, אז פקו"נ דוחה את השבת[270] און "אין לך דבר שעומד בפני פקוח נפש"[271]. ד.ה. אפילו אויב עס רעדט זיך וועגן א כהן גדול בקודש הקדשים ביוהכ"פ און ער איז מקטיר קטורת - דארף ער פון דארטן ארויסגיין אפילו על ספק פקו"נ, ווי דער דין איז[272] "מי שנפלה עליו מפולת, ספק הוא שם ספק אינו שם, ספק חי ספק מת, ספק עכו"ם ספק ישראל, מפקחין עליו את הגל". ד.ה. אז ער איז יורד ממדרגיתו הכי נעלה (אין קדה"ק ביוהכ"פ בשעת הקטרת הקטורת) בכדי ראטעווען א צווייטן!

269) וירא כג, לא. וראה סוטה י, סע"א ואילך. 270) יומא פה, סע"א ואילך. רמב"ם הל' שבת רפ"ב. ועוד. 271) יומא פב, א. כתובות יט, א. רמב"ב הל' יסוה"ת פ"ה ה"א. שם ה"ו. ועוד. 272) משנה יומא פג, א. רמב"ב הל' שבת שם הי"ח.



SichosKodesh.com

נב. עפ״ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס רשב״י האט אליין ניט געזאגט א ״מלה חדתא״ בפ׳ פרה אדומה (כאטש דאס איז געווען ענינו ומדריגתו), נאר געבעטן אז רשב״י זאל עס זאגן - ווייל דאס גופא ווייזט אויף חסד וגמ״ח ברוחנית, אז ער איז מוותר אויף זיין אייגענער טובה וזכות פון אליין צו זאגן די ״מלה חדתא״ בכדי אז א צווייטער זאל האבן דעם זכות. נאר ער האט געדארפט זיין זיכער אז דער צווייטער זאל זיין ראוי לזה, האט ער עס געבעטן בא רשב״י, ״כי ר״ש הוא בחי׳ דעת..ודעת הוא סדר טהרות, שזהו מה שפרה אדומה מטהר טומאת מת״, במילא וועט ער זיכער זאגן ריכטיק.

און רשב״י האט ווייטער געבעטן בא ר׳ אלעזר בנו אז ער זאל עס זאגן - ווידער צוליב דעם ענין פון השפעת חסד ברוחניות, אז ער גיט אוועק פון זיך אליין בכדי א צווייטער זאל האבן דעם זכות. און ער האט אויך געזוכט איינער וואס איז ראוי לזה - ר׳ אלעזר בנו, ״ע״ד כמו שהפרה הראשונה נעשית באלעזר הכהן, כמ״ש ונתתם אותה אל אלעזר הכהן״.

נג. דער ביאור בדיוק הלשון ״יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעוה״ז מכל חיי העוה״ב״ - בהקדים נקודת הענין המבואר אין דעם מאמר פון דעם אלטן רבי׳ן:

אויף מאמר המשנה ״יפה שעה אחת בתשובה ומעש״ט בעוה״ז מכל חי העוה״ב״ פרעגט ער: ״ולכאורה נפלא הדבר (דוקא דער לשון ״נפלא״, ניט אן אנדער לשון של שאלה) שיהי׳ עסק המצות יפה ממתן שכרן״.

און ער איז מבאר:

אין עוה״ב איז דא נאר דער נהנין מזיו כו׳, בחי׳ בינה, ״שמבינים ומשיגים השגה עצומה ונפלאה ובזה יתענג על ה׳״. אבער די עבודה פון ״תשובה ומעשים טובים בעוה״ז״ איז פארבונדן מיט כתר, רצון השם, מיטן עצם (וואס איז שלא בערך העכער פארן זיו יהראה) - ״שאינו מושג לא בחכמה ולא בבינה״, נאר דאס ווערט ״נמשך עד למטה עד סוף העשי׳״.

און ער איז מבאר דעם אין ערוך פון דעם זיו (בעוה״ב) און דער עצם בעוה״ז: ״לרום מעלות גדלו ועוצם בהירותו א״א שישיג בו בעולמות העליונים כי אינו נכלל ונתלבש בשום השגה, כ״א בסוף המעשה שם הוא נתלבש רצון ה׳ במצותיו הכתובים בתורה שזה דינו כך וזה דינו כך, והכל הוא מפני שכך עלה ברצונו ית׳. הרי שבסוף המעשה נוגע וניכר רצונו הקדוש ית׳, אעפ״י שלא נודע עיקר טעמי המצות..מ״מ הרי עיקר רצונו ית׳ נודע אצלינו ע״י התורה והמצות אשר נתן לנו״.

הנחה הת׳ בלתי מוגה